דאָס פלייש פון בהמות, און אַן אַנדערס איז דאָס
40 פלייש פון עופות, און אַן אַנדערס פון פֿיש׃ און
עס זענען פאַראַן גופים הימלישע און גופים
ערדישע; נאָר דער כבוד פון די הימלישע איז אַן
41 אַנדערער, און פון די ערדישע אַן אַנדערער׃ די
זון האָט אַן אַנדערן גלאַנץ, און די לבנה האָט אַן
אַנדערן גלאַנץ, און די שטערן האָבן אַן אַנדערן
גלאַנץ; וואָרום איין שטערן אונטערשיידט זיך פון
42 אַן (אַנדערן) שטערן מיטן גלאַנץ׃ פונקט אַזוי איז
אויך תחית המתים׃ עס ווערט פאַרזייט אין פאַרדאַרב־
לעכקייט, עס שטייט אויף אין אומפאַרדאַרבלעכ־
43 קייט׃ עס ווערט פאַרזייט אין אומכבוד, עס שטייט
אויף אין הערלעכקייט; עס ווערט פאַרזייט אין שלאַפּ־
44 קייט, עס שטייט אויף מיט גבורה; עס ווערט פאַרזייט
אַ נאַטירלעכער גוף, עס שטייט אויף אַ רוחניות־
דיקער גוף׃ אויב עס איז פאַראַן אַ נאַטירלעכער
45 גוף, איז אויך פאַראַן אַ רוחניותדיקער׃ און אַט
אַזוי שטייט טאַקע געשריבן׃ דער ערשטער מענטש,
אָדם, איז געוואָרן אַ לעבעדיקע זעל; (בראשית ב׳, ז׳.)
דער אָדם האחרון צו אַ לעבעדיק־מאַכנדיקן גייסט׃
46 אָבער דער ערשטער איז נישט דער רוחניותדיקער,
נאָר דער נאַטירלעכער; דערנאָך דער רוחניותדיקער׃
47 דער ערשטער מענטש איז פון דער ערד, ערדיש; דער
48 צווייטער מענטש איז מן השמים׃ ווי דער ערדישער
איז, אַזוי זענען אויך די ערדישע; און ווי דער
הימלישער איז, אַזוי זענען אויך די הימלישע׃
49 און ווי מיר האָבן געטראָגן דאָס געשטאַלט פון דעם
ערדישן, אַזוי וועלן מיר אויך טראָגן דאָס געשטאַלט
פון דעם הימלישן׃
50 און דאָס דאָזיקע זאָג איך, ברידער, אַז בשר ודם
קען נישט ירשענען דאָס קעניגרייך פון ג־ט; אויך